אלימלך שטייער

# אין תהום פון ווע...

(בי בליאָגראַפּישע נאָטיצען – צום ניי־ערשינענעם ביכעל „צוויי און צוואָנציג" ליעדער פון יחיאל פיינער)

איך האָב בעקומען אַדינטשיק עסטעטיש־ארויסגעגעבען העפטעל „צוויי־און־צוואנציג" לידער פון יחיאל פיינער. אזוי איז דער פרעטענסיע־לאָזער טיטול קינסטלעריש־געצייכענט איבער'ן שער־בלאַט, איך האָב געעפענט דאָס ביכעלע, גענומען מישען די בלעטלעך און עפעס אַ מאָדנע אומעטיג געפיהל האָט פון דארטען אַרויסגעשפּארט, איינציגוויין איז דאָס געפיהל געוואָרען קלאָהרער און קלאָהרער, האָט זיך פערשאַרפט מיט יעדען אַדורכגעלייענטען ליעד – איך האָב עס שוין געשפירט אין מיר: ס'איז דער גרענעצלאָזער ווען, וואָס קומט פון טיעפען תהום און שלענגעלט זיך מיט בלוטיגע אותיות פאַר די אויגען. ס'איז דער אייביגער, אָפּגרונטיגער צער פון אַ מענש וואָס האַלט זיך אין איין דראַפּען אינדערהויך, מיט'ן קאָפּ אין די בלאָע הימלען – און נון, די פיס זיינע פלאָנטערען זיך און שטרויכלען איבער'ן האַרטען פינסטערען ברוק פון אַ בבל־שטאָדט – איינער אַליין, בעשפיגען און פערשפּאָטעט דורך די קליינטשיגע מענשעלעך וואָס פערברודיגען זיינע חלומות און פערוואָכעדיגען זיין הייליגקייט. נעמט אַלץ וואָס אַרום אין דער געשטאַלט פון קברים, תכריכים און טויט. ווערען די לידער פערוואַנדעלט אין פינסטערע אומעטיגע ווען־געשרייען און טאָפּעלט גרויס איז דער וועהטאָג:

„מיינע בלאָאינקע יוגענד־חלומות, ווער האָט געפאַנגען
מיך געוואָרפען צווישען קופערנע אומעט־שלאַנגען,
ווער האָט פערשאָלטען מיינע געזאַנגען?"... (דעמערונג)

מיט שוים אויף די אויסגעקרימטע ליפען רעדט דער יונגער דיכטער וועגען די „וואָס האָבען אַריינגעגאָסען סם־טראָפענס אין זיין יוגענד־בעכער" און האָבען אזויאַרום פערסמ'ט מיט ביטערען צער זיינע לידער, „פערשאָלטען זיינע געזאַנגען", האָבען איהם אָבגעריסען ברוטאַל פון די אויסגעטרוימטע הימלען

„ס'וועט אייביג שוין וועהטאָגען די מורא'דיגע וואונד,
וואָס „שיילאָק"ס האָבען אין מיין יונג לעבען איינגעבעסען
האָבען מיין יוגענד־טרוים מיר אַוועקגעריסען,
ס'וועט אייביג שוין וועהטאָגען די העסליכע וואונד..." (טהרה)

אָבער נישט בלויז זיינע פערזענליכע ליידען זענען עס וואס ווערען דא אזוי יאמערליך בעקלאַגט ס'איז די נשמה־ליידען פון אַגאַנץ דור מיט וועמענס בלוטיגען צער דער דיכטער פיהלט מיט.

„איך יונגע צעטרוימטע נשמות,
שענק איך מיין צעוועהטאגט געמיט,
ס'איז די איינציגע טרייסט
אייער טרעהר נאָך מיין ליעד."
און דאָס איז זיין טרויעריגע נחמה. –
קומט לאָמיר זיך געבען די הענד
אַלע פערחלומ'טע וואָס ליידען
מיר קענען זיך, מיר קענען זיך
מיר דאַרפען זיך נישט דורכריידען...„ (איך...")

אָבער טראָץ דעם צאַפּעלדיגען וועהטאָגליכען פּראָטעסט־געשריי א קעגען די נידריגע ברואים'ליך וואָס פערברודיגען זיין געלייטערטען טרוים, ראַנגעלט זיך דער דיכטער שווער מיט דער ביטערער קללה, וואָס רייסט זיך בגוואַלד ארויס פון זיינע מיט שוים בעדעקטע ליפען. ער וויל מיט'ן גאַנצען האַרצען מוחל זיין די פערשווערער:

האַר פון דער וועלט! ג ט פון דער וועלט!
נישט מקוים זאָל ווערען די קללה, וואָס כהאָב געשעלט,
יענע בייזע גייסטער, וואָס האָבען מיין יוגענד, פערוועלקט"... („צוואה")

און אזא צעטרייסלענדיגער אומעט רייסט זיך ארויס פון פון כמעט אַלע ליעדער, טרייסלען אויף בי'דן יסוד פון דער נשמה. אַנישט־געקינצעלט עכטקייט שפּאַרט אַרויס פון די בעסערע שורות.

ווייל פערהאַן איז וועהטאָג, און וועהטאָג. ליידען און ליידען.
ווייל צווישען די וואָס

„זיצען צעווינטיגטע איוב־צוקרעציגטע צווישען יאַדערדיגע הרוגים אויף פערבלוטיגטע פעלדער, קיניגען אויף דור־הפלגה־טראָהנען פון קופּעס איברים, אָפּגעריסענע שטיקער פלייש פון דינאַמיט־צעריסענע און גרוילען במסתרים, לעסטערען מיט פערדארבענדיגען שוים א יף תליון־ליפען..." (ארייניפיהר)

– זענען אויך פערהאַן אַזעלכע, וואָס צירען זיך בכונה אין אַטאָגע פון בלוטיגען ־צער, זענען זיך מתלבש לשם מאָדע אין א טלית שכולו־וועהטאָג און ציקלען אויס זייערע ווען־געשרייען מיט פאַלש־פערגלייזטע אויגען און אַרטיסטיש־פערוואָרפענע הענד, פאָסמאַקעווען זיך היפש מיט זייער יעדען קרעכץ און יעדען זיפץ – וואייל איז די וואָס ליידען... איהר קענט זיי דערקענען אין די געציקעלטע אויסגעטאָקטע פערזען, וואָס דערמאָנען אין יענעם חזן וואָס איז ביים אנבליק פון א שרפה אַהיימגעלאָפען נאָכ'ן טאָן־גאָפעל אויסצושרייען זיין ג ע־וואַ ל ד... און אָט דער טאָן־גאָפעל ראַזשעט אין די אויערען, קלינגט מיט אַ ביטערען חוזק פון מענשליכע יסורים.

און דעריבער טאַקי איז דאָס לכאורה'דיגע שוואַכקייט פון יחיאל פיינער'ס ליעדער, זיין אָרימקייט אין געצאַצקעוועטען ווערטער־שפּיעל, דאָס נישט וואוילקלינגעוודיגע ריטמישקייט – די אָפּט־נישט־געהיבלעוועטע שורות – דאָס אַלץ איז גראד אויך א מעלה, איז גראַד, אור־כח. ווייל דאָס זאָגט עדות אויף דער נאַטירליכער אמת'דיגקייט פונ'ם ווען־געשריי, פון אינערליך־אויפגעבריזטען צער, וואָס פלייצט אַריבער די ברעגעס.

דעריבערסטאַרטשען אַזוי זיינע ליעדער ווי די נישט־קוליטווירטע שטיקער רויהע סקאַלעס, וואָס פון נאַטור אויסגעטשאסירט איבער'ן אָפּגרונט. דעריבער בעוועגען זיך אין זיינע קלאַנגען קופּעס רויהע וועהטאָג, „אויסגעשפּיגענע שטיקער בלוט פון האַרצען" – געבוירענע אין די אימה'דיגע וועהען פון לעבען, איידער ג – ט האָט געזאָגט זאָל זיין סדר איבער'ן תהו־ובהו..

ער איז דיזעלבע נאַכט נישט געשלאפען.

זעהר פיעל האט שוין חיים אדורכגעמאַכט אָבער אַזוי אַ טאָג, נאָכנישט. אטאג אין תפיסה דער, הונגער האט איהם געפייניגט, אָבער ער האָט דאָס נישט געדענקט. געפייניגט האָבען איהם די גייסטיגע ליידען.

„מיט אטאָג עלטער געוואָרען אטאָג אָהן תפילין לייגען" אין ער האָט זיך צוויינט ווי אקינד און געיאָמערט ביז דעם צווייטען אינדערפריה. – – – – – – – –

צומאָרגענס האט זיך חיים דערוואוסט דאס זיין נאציאָנאלער פראגרעסיווער בעל־הבית האָט א גאַנצע נאכט געהוליעט אין אקאַבאַרעט לכבוד דעם סילוועסטער און געשלאָפען אגאַנצען טאָג און אין אָנהויב אָוועגד ווען ער האט זיך אין איהם דערמאנט האט איהם נישט געגלוסט צו געהן עפענען אין דער קעלט דאס „געפענגעניס". איבערלאזענדיג איהם ביז דער געוועהנליכער... צייט ביז „אינדערפריה".